# קאַפּיטל זעקס

און ער איז פון דאָרטן אַוועקגעגאַנגען, און איז 1
געקומען אין זיין פאַטערשטאָט אַריין; און
זיינע תּלמידים האָבן אים נאָכגעפאָלגט. און ווען 2
עס איז געקומען שבת, האָט ער אָנגעהויבן צו
לערנען אין דער שול; און אַ סך, ווען זיי האָבן
אים געהערט, האָבן געשטוינט, און געזאָגט: פונוואַ־
נען קומט צו אים אַזעלכעס? און וואָס איז
דאָס פאַר אַ חכמה, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן?
און אַזעלכע וואונדער געשעען דורך זיינע הענט!
צי איז ער דען נישט דער סטאָליער, מרימס זון, 3
דער ברודער פון יעקב און יוסי און יהודה און
שמעון? און צי זענען דען נישט זיינע שוועסטער
דאָ ביי אונדז? און זיי האָבן געשטרויכלט אין אים.
און ישוע האָט צו זיי געזאָגט: קיין נביא איז נישט 4
אָן כּבוד אַ חוץ אין זיין פאַטערלאַנד און צווישן
זיינע קרובים און אין זיין אייגן הויז. און ער 5
האָט דאָרטן נישט געקענט טון קיין וואונדער,
אויסער וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף
אייניקע שלאַפע, און זיי געהיילט. און ער האָט 6
זיך געוואונדערט איבער זייער אומגלויבן.
און ער איז אַרומגעגאַנגען אין די אַרומיקע
דערפער און האָט געלערנט.
און ער האָט גערופן צו זיך די צוועלף, און 7
האָט אָנגעהויבן זיי אַרויסצושיקן צווייענווייז, און
זיי געגעבן מאַכט איבער די אומריינע גייסטער;
און ער האָט זיי באַפוילן, אַז זיי זאָלן נישט מיט־ 8
נעמען קיין זאַך אויפן וועג, נאָר בלויז אַ שטעקן—
נישט קיין ברויט, נישט קיין טייסטער, נישט קיין